# UNTER A KLEYN BEYMELE-אונטער אַ קליין ביימעלע

Paroles  et musique : Tsvi Hirsh Margulies (1888-1944)

Unter a kleyn beymele
Zitsn yinglekh tsvey,
Zey redn fun a meydele,
Gornit kimert zey…

Dertseylt eyner di nisimlekh,
Vos er hot gehat,
Khapt der anderer aroys,
Dertseylt er akurat.

Er flegt, zogt er, gantse teg,
Umgeyn umgegesn,
Dortn, vu zi hot gevoynt,
Shohen opgezesn.

Shturem-vintn, regn, shney,
Keyn zakh nit geshrokn,
Un di mame in der heym,
Gevart hot mit a flokn.

Un der tate tsu dertsu,
Mitn pas dem groysn,
Oysgeklapt di beyndelekh,
Aroysgeyogt in droysn.

Unter a kleyn beymele,
Zitsn yinglekh tsvey,
Zey redn fun a meydele,
Gornit kimert zey.

אונטער אַ קליין ביימעלע,
זיצן ייִנגלעך צוויי.
זיי רעדן פֿון אַ מיידעלע,
גאָרניט קימערט זיי..

דערציילט איינער די ניסימלעך,
וואָס ער האָט געהאַט.
כאַפּט דער אַנדערער אַרויס,
דערציילט עס אַקוראַט.

ער פֿלעגט זאָגט ער,גאַנצע טעג,
אומגיין אומגעגעסן.
דאָרטן, ווו זי האָט געוווינט„
שעהען אָפּגעזעסן.

שטורעם-ווינטן, רעגן, שניי ,
קיין זאַך ניט געשראָקן,
און די מאַמע אין דער היים,
געוואַרט האָט מיט אַ פֿלאָקן.

און דער טאַטע צו דערצו,
מיטן פּאַס דעם גרויסן,
אויסגעקלאַפּט די ביינדעלעך,
אַרויסגעיאָגט אין דרויסן.

אונטער אַ קליין ביימעלע,
זיצן ייִנגלעך צוויי,
זיי רעדן פֿון אַ מיידעלע,
גאָרניט קימערט זיי.